**גוט שבת אלע אידן.** די מעשה הייבט זיך אן אין דזשעטעל, די שטאט אין פולין וואו דער חפץ חיים זצ״ל איז געבוירן. די מעשה איז געשען לכאורה אין די יארן נאך די ערשטע וועלט מלחמה. עס איז געווען א געוויסער בעל הבית פון דער שטאט וואס האט געהייסן ר׳ אשר. דער ר׳ אשר האט געהאט א זון א בחור וואס האט געוואלט גיין וואוינען אין ארץ ישראל. ר׳ אשר האט געוואוסט אז דער מצב אין א״י איז שווער לגבי פרנסה. ר׳ אשר האט נישט געוואוסט מיט וואס זיין זון וועט זיך מפרנס זיין, על פי דרך הטבע. וועגן דעם האט ר׳ אשר זיך מיישב געווען אז ער וויל אויסלערנען א פאך פאר זיין זון, כדי זיין זון זאל קענען טרעפן ארבעט אין א״י.

ר׳ אשר האט פארשאפט פאר זיין זון א קאר. מיט דער קאר האט זיין זון געעפענט א קאר סערוויס. דעמאלט, בערך 80 צוריק, זענען געווען ווייניג קארס אויפ׳ן גאסן. רוב מענטשן זענען געפארן מיט א פערד און וואגן. וועגן דעם האט ער געקענט מאכן אסאך געלט פירן מענטשן, בפרט פון דעם באן האף אין דזשעטעל צו פארשידענע פלעצער. באלד דערנאך איז ר׳ אשר׳ס זון שוין געווארן באקאנט מיט אלע גאסן און יעדע וועג אין און ארום די געגענט.

איין ערב שבת, ווען דער עולם איז געגאנגען אויפ׳ן גאס צו דאווענען מנחה, האבן מענטשן געזען ר׳ אשר׳ס זון אויפנעמען און ארומפירן מענטשן פון דעם באן האף. עס איז געווארן באלד פאר שבת, און ר׳ אשר׳ס זון איז נאך אלס פארנומען געווען ארומפירן מענטשן! עס האט אויסגעקוקט אז דער בחור, וואס איז געקומען פון א פיינער פרומער משפחה, וועט מחלל שבת זיין, דער אויבערשטער זאל אפהיטן. כאטש אפילו קיינער האט אים נישט געזען פארן אין שבת קודש ממש. אבער, עס איז געווען אונמעגליך אז ער וועט קענען אהיימקומען פאר שבת, לויט וואו און ווען דער עולם האט אים געזען פירן זיין קאר.

אין שול האבן מענטשן פארציילט פאר ר׳ זלמן, דער דיין פון שטאט, אז זיי האבן געזען ר׳ אשר׳ס זון פארן באלד פאר שבת. נאכ׳ן דאווענען האט ר׳ זלמן געהייסן אז מען זאל רופן דעם בחור צו קומען צו אים אין דער היים. ווען דער בחור איז אנגעקומען צו דעם דיין ר׳ זלמן׳ס הויז, האט דער דיין אים מוכיח געווען. דער בחור האט געטענ׳עט אז עס איז געווען א טעות, און ער האט נישט געחאפט ווי שפעט עס איז געווען דעמאלט ווען ער האט געפירט זיין קאר אזוי נאנט צו דער שקיעה. ער האט צוגעזאגט פארן רב אז עס וועט קיינמאל נישט געשען נאכאמאל.

עטליכע וואכן שפעטער, האט די מעשה זיך איבערגעחזרט. אבער די מאל, האבן מענטשן געזען ווי דער בחור איז געפארן פרייטאג צונאכטס אין שבת קודש ממש! חוצפה נוראה! פארשטייט זיך אז די קהילה איז געווארן אויפגערעגט אויף דעם בחור.

דער דיין האט נאכאמאל גערופן דעם בחור צו קומען צו אים. אבער יעצט איז עס שוין געווען צו שפעט, ווייל דער בחור האט שוין פורק עול געווען, ה׳ ירחם, און עס האט אים נישט אינטערעסירט וואס דער דיין זאגט. די קהילה איז געגאנגען צו ר׳ אשר, דער טאטע פון דעם נישט גוטער בחור. אבערליידער, האט גארנישט געהאלפן, ווייל אפילו ר׳ אשר האט שוין נישט געהאט קיין קאנטראל אויף זיין זון, דער אויבערשטער זאל אפהיטן.

דער בחור איז אויפגעוואקסן צווישן פרומע אידן. די קהילה האט מורא געהאט אז דער נישט גוטער בחור וועט אפשר משפיע זיין אויף די אנדערע בחורים. זיי זענען געגאנגען צו דעם דיין ר׳ זלמן און זיי האבן געבעטן פון אים אז ער זאל גיין רעדן מיט ר׳ אשר, כדי אים איינצורעדן אז ער זאל פארשיקן זיין ווילד זון פון שטאט. ר׳ זלמן האט מסכים געווען צו רעדן מיט ר׳ אשר וועגן דעם.

אבער, בעפאר ר׳ זלמן האט געהאט די געלעגענהייט צו באזוכן ר׳ אשר, האט ר׳ אשר נעבאך געהאט א סטראק. ער איז געווען אין שפיטאל פאר עטליכע חדשים. ר׳ זלמן האט געמיינט אז יעצט איז נישט געווען די צייט צו רעדן מיט דעם חולה ר׳ אשר וועגן זיין זון.

ר׳ אשר האט געליטן פון גרויסע יסורים, ל״ע, און ער האט געדארפט גיין מיט קראטשעס. ער האט שטארק געוואלט פארלאזן דעם שפיטאל, ווייל ער האט געזען אז די דאקטוירים העלפן נישט. אבער די דאקטוירים האבן נישט געוואלט אים לאזן פארלאזן דעם שפיטאל ווייל ער איז געווען גאר שוואך, ל״ע.

איין נאכט איז געקומען צו אים אין חלום זיין באבע. זי האט געזאגט פאר אים אז עס איז א נער׳אישע זאך פאר אים צו בלייבן אין שפיטאל. ״וואס דו דארפסט,״ האט זי געזאגט אין חלום, ״איז א ברכה פון דעם חפץ חיים. גיי גלייך צו אים און זאג פאר אים אז דו קומסט פון זיין געבארטסשטאט דזשעטעל. דער חפץ חיים׳ס ברכה וועט אסאך מער אויפטון, ווי אלע מעדיצינען וואס די דאקטוירים געבן דיך דורך די לעצטע זעקס חדשים.״

די נעקסטע טאג, גאר אינדערפרי, איז ר׳ אשר אנטלויפן שטילעהייט פון דעם שפיטאל. ער איז געגאנגען שטאטליך מיט קראטשעס. ער איז אהיימגעגאנגען וואו ער האט אנגעהויבן זיך צו גרייטן פאר די נסיעה צו דעם חפץ חיים.

ווען ר׳ אשר האט אנגעהויבן צו פארן מיט דעם באן צו דעם חפץ חיים, איז דער חפץ חיים אליינס געווען אויף א באן אהיימפארן פון א כנסיה פון רבנים אין וויען. ר׳ זלמן, דער רב פון דזשעטעל איז געפארן מיט דעם חפץ חיים און מיט דעם חפץ חיים׳ס זון ר׳ הלל. ווען דער חפץ חיים׳ס באן האט זיך אפגעשטעלט אין די שטאט אטוואצק, זענען ר׳ זלמן און ר׳ הלל אראפגעקומען פון דעם באן צו שעפן אביסל פרישע לופט. פונקט דעמאלט איז אריינגעקומען ר׳ אשר׳ס באן צו יענע באן האף. ר׳ אשר האט געדארפט טוישן באן, כדי צו פארן קיין ראדין, וואו דער חפץ חיים האט געוואוינט. ר׳ זלמן איז געווארן ערשטוינט צו טרעפן דעם חולה ר׳ אשר אין דעם באן האף.

ר׳ זלמן האט געברענגט ר׳ אשר צו דעם חפץ חיים׳ס באן קאר. ר׳ זלמן האט געוואלט פארציילן פאר דעם חפץ חיים וועגן ר׳ אשר׳ס נישט גוטער זון. אבער, דער חפץ חיים האט אנגעהויבן צו רעדן בעפאר ר׳ זלמן האט געקענט עפעס זאגן. ר׳ אשר האט פארציילט פאר דעם חפץ חיים וועגן זיינע יסורים פון דעם סטראק, אבער ער האט גארנישט דערמאנט וועגן זיין זון.

״ישראל מאיר איז נישט קיין ברכה געבער. וואס קען איך טון? ווי אזוי קען איך אייך העלפן?״ האט דער חפץ חיים געזאגט פאר ר׳ אשר מיט גרויסע עניוות. ר׳ אשר האט שטארק געבעטן נאכאמאל און נאכאמאל אז דער חפץ חיים זאל אים בענטשן. סוף כל סוף האט דער חפץ חיים געזאגט פאר אים ״מיר זאגן יעדע פרייטאג צונאכטס ׳לקראת שבת לכו ונלכה, כי היא מקור הברכה...׳, אויב די שבת, וואס איז די ״מקור הברכה״ איז צופרידן מיט אייך, דאן וועל איך אויך זיין צופרידן מיט אייך.״

״וואס מיינט דער רבי?״ האט ר׳ אשר געפרעגט. ״אויב שבת איז געהיטן דורך דיינע משפחה דעמאלט וועט שבת אייך בענטשן. אבער טאמער אייער זון פירט זיין קאר אין שבת און דיין טאכטער קעמט אירע האר אין שבת אין אן אסורדיגע אופן, דעמאלט איז שבת זיכער נישט צופרידן מיט אייך. אויב אזוי, וואס פאר א ברכה געבער איז ישראל מאיר?״ ר׳ אשר איז געווארן איבעראשט פון דעם חפץ חיים׳ס ווערטער. ווי אזוי האט ער אלעס געוואוסט? ר׳ אשר האט צוגעזאגט אז ער וועט פרובירן צו מאכן זיכער אז זיין גאנצע משפחה וועט היטן שבת. עטליכע וואכן שפעטער האט ר׳ אשר געהאט א רפואה שלימה, ב״ה. (דער ״ר׳ זלמן״ פון דער מעשה איז ר׳ זלמן סאראצקין ז״ל, וואס האט פארציילט די מעשה פאר ר׳ שלום שוואדרון ז״ל.)

מען זעט פון דער מעשה די מוראדיגע בחינה פון רוח הקדוש וואס צדיקים האבן. פון דא קען מען זיך מעורר זיין צו גיין צו אונזערע צדיקים צו בעטן ברכות פון זיי. מען זעט דעם ענין אין די וואכעדיגע סדרה. יעקב אבינו ע״ה האט געבענטשט זיינע קינדער מיט ברכות וואס זענען שייך צו זייערע ציל אין לעבן. אויך זעט מען פון דא דעם כח פון א צדיק צו קענען אריינקוקן אין די נשמה פון א מענטש און זען וואס ער דארף טון.

יעדע דור האט זיינע צדיקים. עס ליגט אויף אונז צו אויסשפילן דעם נאנטקייט וואס מען האט צו א צדיק, און כסדר גיין צו אים פאר א ברכה. דורך דעם קענען מיר אלע זוכה זיין צו קענען מקבל זיין די השפעות טובות וואס קומען אראפ פון הימעל דורך צדיקים. **גוט שבת אלע אידן.**

מזל טוב למוה״ר אברהם סיגלער הי״ו לרגל שמחת לידת נכדו לחתנו מוה״ר לייבל הי״ו
נתרם לרפואה שלימה של שאשא מלכה בת גאלדא בתוך שאר חולי ישראל • לעילוי נשמת האשה החשובה ברכה בת ר׳ דוד ע״ה כ׳ שבט תשס״ג
שתיקה יפה בשעת התפילה ״כל העונה אמן בכל כחו פותחים לו שערי גן עדן.״ (שבת קיט:)
לנדב דף זה לרגל שמחה או אירוע אחר, נא להתקשר למחבר וכותב מתתי׳ וואלפבערג 3234–362 (845)